הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

אונטער קאמאנדעס . . .

9857 (Vilna)
00051.8

# צו די לייענערס.

אונרזער געזעלשאפט, וואס שטייט שטענדיק אויף דער וואך פון יידישן פאָלקס־געזונט, קען ניט פארביי־גיין פארביי א פאקט פון גאנץ גרויסן באטייט: נעמלעך, אז אלע לענדער גרייטן זיך צו צו באגעגענען די סכנות, וואס דרויען דער ציווילער באפעלקערונג מצד לופט־אָנגריפן. אלע לענדער פאָדערן פון דער ציווילער באפעלקערונג א פארשטענדעניש פאר די מאָסמיטלען פון די מלוכה־אָרגאנען צו שיצן די באפעלקערונג; מען מאכט ספעציעלע איבונגען און מען לערנט די באפעלקערונג, ווי מ׳מוז זיך פירן אין מאָמענט פון א לופט־אָנגריף.

די יידישע באפעלקערונג, וואס איר עלטערער דור באהערשט ניט אין גענוגער מאָס די מלוכה־שפּראך, קען ניט ברייט אינסטרוקטירט און איינגעאיבט ווערן אין די פראגן פון שוץ פון לופט־אָנגריפן, ניט האָבנדיק די עלעמענטארסטע ידיעות וועגן אלע סכנות און ווי אזוי זיך פון זיי צו שיצן.

די בראָשיורע, וואס מיר לאָזן ארויס אונטער דעם קעפל „אונטער באָמ־בעס און גיפט־גאַזן״, האָט דעם ציל צו געבן דער ברייטסטער יידישער באפעלקערונג די נויטיקע ידיעות וועגן די געפאַרן פון דער לופט־מלחמה און ווי אזוי מען קען זיך באשיצן פון זיי. מיר גיבן זיך אָפּ א ריכטיקן דין וחשבון, אז די איינצלנע פערזאָן קען בכלל ווייניק וואס אויפטאָן אין צייט פון מלחמה, אָבער וואָס באַוווסטזיניקער דער איינצלנער מענטש איז, וואָס מערער פאַרשטענדעניש און קאַלטבלוטיקייט ער ווייזט אַרויס בשעת אַ געפאַר, אַלץ ווייניקער איז די פּאַניקע, און אַלץ ווייניקער קרבנות וועט זיין פון אַזאַ פּאַניקע.

מיר האָפן, אז די בראָשיורע וועט זיין נוציק און וועט העלפן דער באפעלקערונג זיך צו באקענען מיט אלע סכנות, וואס דרויען אונדז פון הימל אראָפּ.

„אָ ז ע״

געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון
דער יידישער באַפעלקערונג אין ליטע.



circa 1938-39